בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוֹן פוּן חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת אֱמוֹר

תשפ"ד

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה


וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן? .................................... א

פַארְוָואס שֶׁעם אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? ........................ ג

וָואס טוּט מֶען אַז דִי קִינְדֶער קוּקְן וִוידִיאָס בַּיי דִי שְׁכֵנִים? ................... ו

בִּין אִיךְ טַאקֶע גָארְנִישְׁט וֶוערְד? ............................................ ז

זָאל אִיךְ גֵיין מִיט מַיין וַוייבּ אוֹיף וַואקַאצִיעֶ? ............................ ט

וָואס טוּ אִיךְ מִיט אַ בָּחוּר מִיט גָאר שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן? ........................ י

פַארְוָואס גֵייט מִיר דִי גְמָרָא נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ? ........................ יג


# אִישׁ אֱמוּנוֹת


חֲזַק וֶאֱמָץ אוּן בְּלַייבּ אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה .................... א

הַאלְטְן בַּעֲלֵי חַיִים אִין שְׁטוּבּ, בְּרֶענְגְט צָרוֹת .................................... א

מַיינֶע תְּפִילּוֹת זֶענֶען דֶען חָשׁוּבּ? ................................................ ב

שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן שְׁטַארְק דַיינֶע גֶעשְׁוִוסְטֶער .................................... ג

גֶעבּ אַרְבֶּעט פַאר אַ אִיד, אֲפִילוּ עֶס אִיז טֵייעֶרֶער .................................... ד

דַיינֶע מוּזִיק וִוידִיאָס זֶענֶען מְחַיֶ' טוֹיזְנְטֶער אִידְן .................................... ה

עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי עֶנְק אִין שְׁטִיבְּל .................................... ו

לַאכְט אַייךְ גוּט אוֹיס, דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין צָרוֹת .................................... ז

וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט גוֹיִם .................................... ח

אָדֶער אַ טֶעלֶעפָאן, אָדֶער עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת ........................ ט

שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ אִיד ........................ י'

אַז מֶען בְּרֶעכְט דָאס דוּרְךְ, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן ........................ יא

נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער ........................ יא

לְכָבוֹד דִי נֵס זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען "שְׁכַח אֵייבֶּערְשְׁטֶער" ........................ יב

רֶעדְן אוּן רֶעדְן, אוּן בַּיים סוֹף פּוֹעֵל'ט מֶען ........................ יג

קוּקְן אוֹיבּ דִי סְבִיבָה אִיז עֶרְלִיךְ, אֵיידֶער מֶען צִיעֶט זִיךְ אַהִין ........................ יד

וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט רוּאִיג, וֶוערְן דִי קִינְדֶער אוּמְרוּאִיג ........................ טו

מַתָּן שְׂכָרָהּ בְּצִדָּהּ, הֲפָצָה בְּרֶענְגְט גְרוֹיס שֶׁפַע ........................ טו

זִיךְ הִיטְן פוּן לֵצִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ בְּתוֹכֵנוּ ........................ יז

אִין דִי סְפִירָה טֶעג טַאנְצְט מֶען נִישְׁט ........................ יח

'מִזְמוֹר לְתוֹדָה' אִיז מְסוּגָל לְהוֹלָדָה ........................ יח

זָאגְן יֶעדְן טָאג "נִשְׁמַת", אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן ........................ יט

נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין דִי פַּרְשָׁה ........................ כ

זַיי אַ חֵלֶק פוּן כּוֹלֵל, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין ........................ כ

נֶעם דִי וָואס דַאוֶוענֶען פְּרִי, צוּ אַרְבֵּייטְן אִינֶעם מוֹסָד ........................ כא

נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן דָאס דַאוֶוענֶען ........................ כב

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

## וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הִיטְן דִי אוֹיגְן?

### שְׁאֵלָה:

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ לֵיין דִי קוּנְטְרֵסִים פוּן עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, אוּן אִיךְ הָאב זֵייעֶר הֲנָאָה פוּן דֶעם פַּאקְט אַז יֶעדֶער קֶען פְרֶעגְן סַיי וָואס עֶר ווִיל, אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א עֶנְטְפֶערְט אַלְץ מִיט אַזַא קְלָארְקֵייט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף.

אִיךְ בִּין אַ גֶעוֶוענְלִיכֶער חֲסִידִישֶׁ'ער אִינְגֶערְמַאן, אוֹיפְגֶעוַואקְסְן בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיף אַ גֶעזוּנְטֶע וֶועג בְּרוּחָנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אִיךְ הָאב בָּרוּךְ הַשֵּׁם חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן מִיר הָאבְן אַ גֶעזוּנְטֶע עֶרְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה. מִיר הָאבְן נָאר כָּשֶׁרְ'עֶ טֶעלֶעפָאנֶען, אָן טֶעקְסְט, אוּן אַלֶעס גֵייט בָּרוּךְ הַשֵּׁם וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין.

אֵיין פְּרָאבְּלֶעם הָאבּ אִיךְ אָבֶער, עֶטְלִיכֶע יָאר צוּרִיק בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין אַ כָּשֶׁרְ'עֶ קִיאַסְק, אִיךְ הָאבּ גֶענוּצְט דָארְט אַ גֶעפִילְטֶערְטֶע קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אַ הֶכְשֵׁר, אָבֶער אוֹיף עֶפֶּעס אַן אוֹפֶן זֶענֶען דָארְט אַרוֹיפְגֶעקוּמֶען נִישְׁט אֵיידֶעלֶע זַאכְן, אוּן זַייט דֶעמָאלְט הָאבּ אִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן גָאר שְׁטַארְק פַאלְן אִין קְדוּשָׁה. פוּן אוּנְטֶער דֶער עֶרְד וֶועל אִיךְ טְרֶעפְן דָא אוּן דָארְט נִישְׁט כָּשֶׁרְ'עֶ דֶעוַוייסֶעס, אוּן קוּקְן דֶערוֹיף דִי עֶרְגְסְטֶע זַאכְן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אִיךְ וֵוייס אַז מֶען טָאר נִישְׁט, אוּן אִיךְ וֵוייס אַז עֶס אִיז נִישְׁט גוּט פַאר מִיר, אָבֶער אִיךְ שְׁפִּיר זִיךְ מַמָּשׁ וִוי גֶעבִּינְדְן דֶערְצוּ, אָן קַיין וֶועג אַרוֹיס. אִיךְ בְּרֶעךְ אוּנְטֶער פוּן דִי שְׁוֶוערֶע שׁוּלְד גֶעפִילְן וָואס אִיךְ הָאבּ יֶעדֶעס מָאל נָאכְדֶעם וָואס אִיךְ קוּק וָואס מֶען טָאר נִישְׁט, אָבֶער אִיךְ קֶען זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט הֶעלְפְן.

אִיךְ לֶערְן סְפָרִים אוּן אִיךְ הֶער שִׁיעוּרִים אִיבֶּער דִי וִויכְטִיגְקֵייט פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם,

אִיבֶּער דִי הַארְבְּקֵייט פוּן קוּקְן עֲבֵירוֹת, אָבֶער עֶס הֶעלְפְט מִיר נִישְט. אִיךְ ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג, אִיךְ ווִיל דָאס נִישְט טוּן, אָבֶער ווִי אַזוֹי בַּאווַייזְט מֶען דָאס?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁען? וואוּ אִיז דַיין שֵׂכֶל? וֶועגְן אַבִּיסְל דִמְיוֹן ווִילְסְטוּ אַלֶעס פַארְלִירְן?! וָואס אִיז שׁוֹין דָא צוּ זֶען אוֹיף דִי מָאווִיס? נָאכְאַמָאל שְׁמוּץ אוּן נָאכְאַמָאל שְׁמוּץ, נָאכְאַמָאל נִיאוּף אוּן נָאכְאַמָאל נִיאוּף; פַאר דִי דִמְיוֹן בִּיסְטוּ גְרֵייט צוּ פַארְלִירְן דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט?! דַיין וַוייבּ וֶועט דִיר אִיבֶּערְלָאזְן, דַיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ שֶׁעמֶען מִיט דִיר, דוּ וֶועסְט וֶוערְן פַארְשֶׁעמְט פַאר אַלֶעמֶען.

בִּכְלַל אַז מֶען טְרַאכְט אַרַיין, וֶוער קוּקְט מָאווִיס? נָאר אַ חֲסַר דֵעָה, ווַייל וָואס אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן מָאווִיס? דִמְיוֹן אוּן פַאנְטַאזִיעֶס, דִי בַּעֲלֵי מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶעפְּרֶעסְטֶע מֶענְטְשְׁן, וָואס הָאבְּן נִישְׁט קַיין פְּלַאץ אִין דֶער וֶועלְט - דִי לוֹיפְן צוּ דֶעם.

קוּקְן נִיאוּף אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע עֲבֵירָה, אַז מֶען קוּקְט נִיאוּף וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעריסְן פוּן דִי וֶועלְט, מֶען פַארְלִירְט דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט, מֶען פַארְלִירְט דִי גֶעלְט; ווִיפִיל מֶען אַרְבֶּעט, ווִיפִיל מֶען מֵיינְט אַז מֶען מַאכְט שׁוֹין אַפָּאר דָאלֶער - פַארְלִירְט מֶען דִי גֶעלְט. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי כג, ג): "וְרֹעֶה זוֹנוֹת יְאַבֶּד הוֹן", דֶער וָואס טוּט עֲבֵירוֹת פוּן נִיאוּף פַארְלִירְט זַיין גֶעלְט; עֶס אִיז נִישְׁט קַיין שְׁפִּיל, דִי אַלֶע וָואס קוּקְן נִיאוּף הָאבְּן נִישְׁט בַּיים סוֹף אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט. אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט (שָׁם ו, כו): "כִּי בְעַד אִשָּׁה זוֹנָה", וֶועגְן טוּן עֲבֵירוֹת פוּן נִיאוּף "עַד כִּכַּר לָחֶם", קוּמְט מֶען צוּ בֶּעטְלֶען אַ שְׁטִיקְל בְּרוֹיט.

גֶעוואַלְד, רַאטֶעוֶוע זִיךְ, וֶועסְט אַלֶעס פַארְלִירְן דוּרְךְ קוּקְן נִיאוּף, וֶועסְט

**פַארְלִירְן דַיין וַוייבּ; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב׳, סִימָן פז): "מֵחֲמַת זֶה הַפְּגָם יוּכַל לְאַבֵּד אֶת זוּוגוֹ", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט אִין פְּגַם הַבְּרִית פַארְלִירְט עֶר זַיין שִׁידוּךְ, "וַאֲפִילוּ אִם יִמְצָא אֶת זִוּוגוֹ, תִּהְיֶה לוֹ מְנַגֶּדֶת וְלֹא תִּהְיֶה נוֹטָה אַחַר רְצוֹנוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס אִיז חַתוּנָה גֶעהַאט, וֶועט פַארְלִירְן זַיין שָׁלוֹם בַּיִת.**

**גֵיי שְׁרֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס טוּ אִיךְ? וָואס קוּק אִיךְ? וואוּ בִּין אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? אִיךְ בַּאהַאלְט זִיךְ פוּן דִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, קֶען מֶען זִיךְ דֶען בַּאהַאלְטְן פוּן דִיר? 'אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים', קֶען זִיךְ דֶען אַ מֶענְטְשׁ בַּאהַאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? 'וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אִים נִישְׁט זֶען?**

**אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל קֶענֶען תְּשׁוּבָה טוּן בַּאצַייטְנְס, אִיךְ זָאל זִיךְ שֶׁעמֶען פַאר דִיר, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, דוּ זֶעסְט אַלֶעס וָואס אִיךְ טוּ אוּן אַלֶעס וָואס אִיךְ קוּק, אוּן זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף אַלֶע מִינֵי פְּגָמִים, נֶעם אָן מַיין תְּשׁוּבָה".**

**אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן יֶעדְן טָאג, זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן דַיין הַארְץ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל דִיךְ רַאטֶעוֶוען.**

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען דַיין תְּשׁוּבָה.**

...

**פַארְוָואס שֶׁעם אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן? אִיךְ רֶעד צוּ אִים, אִיךְ טְרַאכְט פוּן אִים, אָבֶּער אִיךְ שֶׁעם מִיךְ נִישְׁט פוּן אִים.

אִיךְ פִּיל וִוי עֶר זֶעט מִיךְ, עֶר פַארְשְׁטֵייט מִיךְ, עֶר זֶעט מִיךְ דוּרְךְ אוּן דוּרְךְ; וִוי אַזוֹי אִיז שַׁיָּיךְ אַז אִיךְ זָאל זִיךְ שֶׁעמֶען פוּן אִים?

אִיךְ זֶע אַז דִי צַדִּיקִים הָאבְּן זִיךְ יָא גֶעשֶׁעמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶּער נִישְׁט ווִי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ אִיבֶּערָאל וָואס אִיז שַׁיָּיךְ זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען?

מֵילָא אַ קֶענִיג וָואס מֶען גֵייט אֵיינְמָאל בַּאזוּכְן, שְׁטֵייט מֶען פַאר אִים מִיט רֶעסְפֶּעקְט, אָבֶּער לָאמִיר זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן אַ קֶענִיג וָואס גֵייט מִיט מִיטְן מֶענְטְשׁ פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה אַ טָאג, עֶר אִיז מִיטְן מֶענְטְשׁ אִין אַלֶע בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלֶעצֶער, אַ קֶענִיג וָואס ווֵייסְט וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט אוּן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ ווִיל; וָואס אִיז שַׁיָּיךְ זִיךְ צוּ שֶׁעמֶען פוּן אִים?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב', כ"ד נִיסָן, ט' לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן לח): "כְּשֶׁמְּדַבֵּר בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ דִּבְרֵי אֱמֶת שֶׁבְּלִבּוֹ בְּהִתְעוֹרְרוּת בִּתְשׁוּבָה", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְבּוֹדֵד, עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, עֶר בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "וְרוֹאֶה פְּחִיתוּתָיו", עֶר הוֹיבְּט אָן אַיינְזֶען ווִי גֶעפַאלְן עֶר אִיז, "וּגְדֻלַּת הַבּוֹרֵא", אוּן ווִי גְרוֹיס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז, "כִּי עַד עַכְשָׁו הִשְׁלִיךְ חַטֹּאתָיו אַחַר כְּתֵפָיו וְלֹא עִיֵּן בָּהֶם", ווַייל בִּיז אַהֶער הָאט עֶר נִישְׁט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר טוּט עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט, "וְעַכְשָׁו כְּשֶׁיּוֹדֵעַ אוֹתָם", אָבֶּער יֶעצְט ווֶען עֶר טוּט תְּשׁוּבָה, "אֲזַי נִכְנָס בּוֹ בּוּשָׁה גְּדוֹלָה עַל גֹּדֶל פְּשָׁעָיו", בַּאקוּמְט עֶר אַ שְׁטַארְקֶע בּוּשָׁה אוֹיף אַלֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, "כְּנֶגֶד רַב וְשַׁלִּיט עִקָּרָא וְשָׁרְשָׁא דְּכָל עָלְמִין", קֶעגְן דֶעם גְרוֹיסְן בַּאשֶׁעפֶער.

זָאגְט אָבֶּער דֶער רֶבִּי: "וְהַבּוּשָׁה הַזֹּאת עֲדַיִן אֵינֶנָּה בְּפֹעַל", דָאס אִיז נָאכְנִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע בּוּשָׁה, "הַיְנוּ שֶׁהַבּוּשָׁה הוּא בִּפְנִימִיּוּת וְאֵין מִתְגַּלֶּה עַל פָּנָיו", מֶען זֶעט עֶס נִישְׁט אוּן מֶען שְׁפִּירְט עֶס נִישְׁט אוֹיפְן פָּנִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט "כִּסְּתָה כְלִמָּה פָנָי", עֶס אִיז פַארְדֶעקְט, "כִּי זֹאת הַבּוּשָׁה הִיא קֹדֶם הַתְּשׁוּבָה", ווַייל אֲפִילוּ וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען נָאךְ זַיין אַז

מֶען נארְט זִיךְ, מֶען דַארְף אַסַאךְ אַסַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ שְׁפִּירְן דִי בּוּשָׁה אוֹיפְן פָּנִים; אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן: "וֶוערְסְטוּ רִיטְשֶׁע רוֹיט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?" (אִין אוּקְרַיינִישׁ אִיז רִיטְשֶׁע רוֹיט - שְׁטַארְק רוֹיט), דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט אוֹיב עֶר הַאלְט שׁוֹין דָארְט נָאכְן רֶעדְן אַסַאךְ אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּיז עֶר הָאט דִי בּוּשָׁה אוֹיפְן פָּנִים.

"וְזֶה יָדוּעַ", דָאס אִיז דָאךְ בַּאוְוּיסְט, "אֵין דוֹמֶה בֶּן כְּפָר לְבֶן כְּרָךְ", עֶס אִיז נִישְׁט גְלַייךְ אַ דָארְפְסְמַאן צוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס וואוֹינְט אִין שְׁטָאט, "כָּל מַה שֶּׁמְּקֹרָב בְּיוֹתֵר אֶל הַמֶּלֶךְ, בָּשְׁתּוֹ גָּדוֹל", וִוי נֶענְטֶער מֶען אִיז צוּם קֶענִיג - אַלְץ מֶער שֶׁעמְט מֶען זִיךְ פוּנֶעם קֶענִיג, "וְכָל מַה שֶּׁיּוֹדֵעַ בְּיוֹתֵר בִּכְבוֹד הַמֶּלֶךְ", אוּן וִוי מֶער מֶען וֵוייסְט פוּנֶעם קֶענִיג, "הוּא בּוֹשׁ יוֹתֵר מֵהַמֶּלֶךְ", שֶׁעמְט מֶען זִיךְ מֶער פוּן קֶענִיג, "אֲבָל אַחַר כָּךְ כְּשֶׁעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה וּמֵסִיר מִמֶּנּוּ הַטִּפְּשׁוּת וְנִתּוֹסֵף בּוֹ שִׂכְלוֹ", אָבֶער אַז מֶען רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז מֶען זוֹכֶה - "אֲזַי הוּא מִתְבַּיֵּשׁ בְּיוֹתֵר", מֶען וֶוערְט זֵייעֶר שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט, "וְנִתְגַּלֶּה הַבּוּשָׁה עַל פָּנָיו", מֶען קוּמְט צוּ דִי מַדְרֵיגָה, מֶען שְׁפִּירְט אַזוֹי שְׁטַארְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט וֶוען פַארְשֶׁעמְט גֶעוָוארְן פוּן אַ בָּשָׂר וָדָם.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה, זֶען וִוי דֶער רֶבִּי רֶעדְט דָארְט פוּן תְּפִילִין, פוּן דְבֵיקוּת בַּשֵּׁם, פוּן זִיךְ שֶׁעמֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאכְדֶעם זָאגְן דִי תְּפִלָּה פוּן רֶבִּי נָתָן, וִוי עֶר וֵויינְט אִין דִי תְּפִלָּה: "וְזַכֵּנִי מְהֵרָה לִתְשׁוּבָה שְׁלֵמָה לְפָנֶיךָ בֶּאֱמֶת, עַד שֶׁאֶזְכֶּה שֶׁתִּתְגַּלֶּה הַבּוּשָׁה דִקְדֻשָּׁה בְּפֹעַל עַל פָּנַי וְאֶזְכֶּה לְהִתְבַּיֵּשׁ מִפָּנֶיךָ בֶּאֱמֶת בְּבוּשָׁה גְדוֹלָה בְּתַכְלִית הַבּוּשָׁה, כַּאֲשֶׁר רָאוּי לִי לְהִתְבַּיֵּשׁ מִפָּנֶיךָ".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס טוט מֶען אַז דִי קִינְדֶער קוּקְן וִוידִיאָס בַּיי דִי שְׁכֵנִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

צוּם אַלֶעם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים, גִּלְיוֹנוֹת און קוּנְטְרֵסִים.

אִין מַיין הוֹיז קוּקְט מֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם נִישְׁט קַיין שׁוּם וִוידִיאָס און דָאס גְלַייכְן, אָבֶער אִיךְ בִּין לֶעצְטְנְס גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז מַיינֶע קִינְדֶער קוּקְן וִוידִיאָס בַּיי מַיינֶע שְׁכֵנִים, און זֵיי הָאבְּן מִיר גָארְנִישְׁט דֶערְצֵיילְט דֶערְוֶועגְן בִּיז יֶעצְט.

מַיין שְׁאֵלָה אִיז אוֹיב אִיךְ זָאל זֵיי אָנְהוֹיבְּן וַוייזְן אַלֵיין אִינְדֶערְהֵיים כָּשֵׁר'עֶ זַאכְן, וָואס אַזוֹי קֶען אִיךְ קָאנְטְרָאלִירְן וָואס זֵיי זֶעעֶן יָא אָדֶער נִישְׁט, ווייל בַּיי דִי שְׁכֵנִים קֶען אִיךְ נִישְׁט וִויסְן וָואס זֵיי זֶעעֶן דָארְט, אָדֶער זָאל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג מַאכְן פוּן דִי גַאנְצֶע זַאךְ?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

זַיי מְחַנֵךְ דַיינֶע קִינְדֶער נִישְׁט צוּ קוּקְן קַיין שׁוּם וִוידִיאוֹס און קַיין שׁוּם קְלִיפּס, אֲפִילוּ וָואס מֶען רוּפְט כָּשֵׁר׳עֶ, און אַז דִי קִינְדֶער דֶערְצֵיילְן אַז זֵיי קוּקְן דִי וִוידִיאוֹס בַּיי שְׁכֵנִים - זָאלְסְטוּ זֵיי זָאגְן נִישְׁט צוּ גֵיין צוּ דִי שְׁכֵנִים; זָאלְסְט אַכְטוּנְג גֶעבְּן זֵיי זָאלְן נָאר גֵיין צוּ שְׁכֵנִים וָואס דִי שְׁטוּבּ פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ.

עֶס אִיז אַזוֹי גֶעפֶערְלִיךְ דִי סַכָּנָה פוּן קוּקְן וִוידִיאוֹס, מֶען דַארְף זֵייעֶר הִיטְן דִי קִינְדֶער פוּן דֶעם, מֶען דַארְף רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן דֶעם און נִישְׁט צוּרִירְן צוּ דֶעם.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר יֶעדְן קִינְד עֶקְסְטֶער זֵיי זָאלְן אוֹיסְוַואקְסְן עֶרְלִיכֶע אִידְן. מוֹהֲרַא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶועזְן בַּיי אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר עֶרְלִיכֶע קִינְדֶער, אַלֶע זֶענֶען גֶעוֶועזְן עֶרְלִיכֶע אִידְן און בַּעֲלֵי מִידוֹת טוֹבוֹת וְכוּ׳; וֶוען מֶען הָאט אִים

גֶעפְרֶעגְט: "וִוי אַזוֹי הָאט אִיר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם?" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וָואס מֵיינְט אִיר, אִיךְ הָאבּ זֵיי אַרָאפְּגֶעריסְן פוּן בּוֹים? אִיךְ הָאבּ יֶעדֶע נַאכְט גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפִילְט מַיין קַאפְּל מִיט מַיינֶע טְרֶערְן אוּן אִיךְ הָאבּ זִיךְ אָפְּגֶעוַואשְׁן מַיין פָּנִים מִיט דִי טְרֶערְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## בִּין אִיךְ טַאקֶע גָארְנִישְׁט וֶוערְד?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר וָואס לֶערְנְט אִין יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז אִיךְ שְׁפִּיר אַלְץ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט וֶוערְד אִין יְשִׁיבָה, וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער בָּחוּר אִין יְשִׁיבָה, דֶער כּוֹלֵל אִינְגֶערְמַאן אִין כּוֹלֵל, דֶער מְלַמֵד אִין חֵדֶר, אוּן דֶער אַרְבֶּעטֶער בַּיי דִי אַרְבֶּעט - אַלֶע שְׁפִּירְן דָאס וָואס דוּ שְׁפִּירְסְט; מֶען שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ צֶעקְלַאפְּט אוּן צֶעזֶעצְט, מֶען שְׁפִּירְט מֶען אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען אִיז אִיבְּרִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען שְׁפִּירְט וִוי אַ נַאר אִין מַארְק.

צוּ דִיר, אוּן צוּ דִי אַלֶע, קוּמְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן זָאגְט: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ לִיבּ, דוּ בִּיסְט יָא וֶוערְד, דוּ בִּיסְט חָשׁוּב"; אֵיי דוּ שְׁפִּירְסְט וִוי דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד? אַזוֹי גֵייט עֶס, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען מִיט אַלֶע צַדִיקִים, זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט וִוי זֵיי זֶענֶען נִישְׁט וֶוערְד, אוּן מִיט גְרוֹיס עַקְשָׁנוּת נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען - זֶענֶען זֵיי

צוּגֶעקוּמֶען צוּ וָואס זֵיי זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען, אוּן אַז דוּ וֶועסְט זַיין שְׁטַארְק וַוייטֶער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּצוּקוּמֶען צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

"דְרַאפֶּע זִיךְ אוּן דֶערְהַאלְט זִיךְ"; דִי וֶוערְטֶער הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ צוּ אִים בַּאוִויזְן אִין חָלוֹם. רֶבִּי נָתָן חָלוֹמְ'ט זִיךְ וִוי עֶר שְׁטֵייט בַּיי אַ גְרוֹיסֶער לֵייטֶער, עֶר הוֹיבְּט אָן אַרוֹיפְצוּקְרִיכְן אוּן עֶר פַאלְט אַרָאפּ, עֶר קְרִיכְט נָאכְאַמָאל אַרוֹיף אוּן עֶר פַאלְט נָאכְאַמָאל צוּרִיק, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען יֶעדֶעס מָאל, אוּן יֶעדֶעס מָאל וָואס עֶר אִיז אַרוֹיף הֶעכֶער אִיז עֶר גֶעפַאלְן שְׁטֶערְקֶער, בִּיז עֶר אִיז שׁוֹין אַרוֹיף אַלֶע טְרֶעפּ בִּיז אוֹיבְן, דֶעמָאלְט אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ מֶער נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן, פְּלוּצְלוּנְג זֶעט עֶר אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אִים דִי וֶוערְטֶער: "דְרַאפֶּע דִיר אוּן הַאלְט זִיךְ, שְׁטַארְק דִיךְ מִיט אַלֶע דַיינֶע כֹּחוֹת".

שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעכַאפְּט אַז דֶער מֶענְטְשׁ וֶועם עֶר הָאט גֶעזֶען אִין חָלוֹם וִוי עֶר זָאגְט אִים: "דְרַאפֶּע דִיר אוּן הַאלְט זִיךְ" - אִיז נִישְׁט קֵיין צְוֵוייטֶער וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי.

מַיין טַייעֶרֶער בְּרוּדֶער, פְרֵיי זִיךְ מִיט דֶעם אַז דוּ בִּיסְט אַ אִיד, וֶוען מֶען פְרֵייט זִיךְ מִיט 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' - פוּן דִי שִׂמְחָה קֶען מֶען נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (סוֹף סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת): "מַעֲשֶׂה הָיָה בְּצַדִּיק אֶחָד", עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ מַעֲשֶׂה מִיט אַ צַדִּיק, "שֶׁנָּפַל עָלָיו עַצְבוּת", וָואס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן אִין אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע, "וְהָעַצְבוּת כְּשֶׁמִּתְגַּבֶּרֶת עַל הַצַּדִּיק", אוּן וֶוען עֶס פַאלְט אַרוֹיף אַ דֶעפְּרֶעסְיֶע אוֹיף אַ צַדִּיק, "הִיא קָשָׁה מְאֹד עָלָיו", אִיז דָאס זֵייעֶר שְׁוֶוער, "כִּי עָלָיו מִתְחַזֶּקֶת בְּיוֹתֵר", וַוייל אוֹיף אַ צַדִּיק אִיז זִיךְ דָאס מִתְגַּבֵּר מֶער וִוי אוֹיף סְתָם אַ מֶענְטְשׁ, בִּיז דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעקֶענְט רִירְן פוּן פְּלַאץ, "וְרָצָה לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ", דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוָואלְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן, "וּלְהָרִים עַצְמוֹ", עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אוֹיפְהֵייבְן, "וְלֹא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ בְּשׁוּם דָּבָר", אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קֵיין שׁוּם זַאךְ מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, "כִּי בְּכָל דָּבָר שֶׁרָצָה לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ", וַוייל יֶעדֶע זַאךְ מִיט וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט פְרֵיילִיךְ מַאכְן - "מָצָא לוֹ הַבַּעַל

דָּבָר בְּתוֹכוֹ עַצְבוּת״, הָאט דֶער בַּעַל דָּבָר גֶעטְרָאפְן עֶפֶּעס מִיט וָואס אִים צוּ מַאכְן טְרוֹיעֶרִיג.

״וְהִתְחִיל לְשַׂמֵּחַ עַצְמוֹ בְּשִׂמְחַת ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳״, בִּיז דֶער צַדִּיק הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן פְרֵייעֶן בְּשִׂמְחַת ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳, עֶר הָאט זִיךְ גֶעפְרֵייט מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז נִישְׁט קַיין גּוֹי; דָאס אִיז דָאךְ אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, ווייל אֲפִילוּ ווי נִידְרִיג, ווי גֶעפַאלְן - אַ אִיד זָאל נָאר זַיין - אִיז עֶר נָאכְאַלְץ נִישְׁט קַיין גּוֹי! אֲפִילוּ דֶער גֶעפַאלֶענֶער אִיד, הַפָּחוּת שֶׁבַּפְּחוּתִים, דֶער קְלֶענְסְטֶער פוּן דִי קְלֶענְסְטֶע - אִיז נָאכְאַלְץ טוֹיזְנְטֶער מָאל מֶער אוּן הֵיילִיגֶער פוּן אַ גּוֹי.

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס מַאכְט פְרֵיילִיךְ, אַנְדֶערֶע זַאכְן קֶען דֶער יֵצֶר הָרָע צֶעבְּרֶעכְן; דֶער יֵצֶר הָרָע קֶען טְרֶעפְן אִין יֶעדֶע זַאךְ חֶסְרוֹנוֹת, אָבֶּער מִיט דִי שִׂמְחָה פוּן ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳ - דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר אוּן מִיר נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר אַ גּוֹי׳; בַּיי דֶעם קֶען דֶער יֵצֶר הָרָע נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן.

דֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס דִי מַעֲשֶׂה, דֶער צַדִּיק הַנַּ״ל הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן מְחַיֶּ׳ זַיין מִיט דֶעם, עֶר אִיז גֶעוָוארְן מֶער אוּן מֶער פְרֵיילִיךְ, בִּיז עֶר אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׂמְחָה וָואס מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעהַאט בְּשָׁעַת עֶר אִיז אַרוֹיף אִין הִימְל מְקַבֵּל זַיין דִי לוּחוֹת, עַיֵּין שָׁם דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה בַּאֲרִיכוּת.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פָּאלְגְט בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, עֶר אִיז זִיךְ מְחַיֶּ׳ וּמְשַׂמֵּחַ אַז עֶר אִיז אַ אִיד אוּן נִישְׁט קַיין גּוֹי, וֶועט עֶר אַלְץ זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זָאל אִיךְ גֵיין מִיט מַיין ווייבּ אוֹיף וַואקַאצְיֶע?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

מַיין ווייבּ וויל זֵייעֶר שְׁטַארְק פָּארְן מִיט מִיר אוֹיף וַואקַאצְיֶע, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי אָבֶּער אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט גֵיין אוֹיף וַואקַאצְיֶע; וָואס זָאל אִיךְ

אָבֶער טוּן אַז מַיין וַוייב זָאגְט אַז זִי הָאט נִישְׁט מֶער קַיין כֹּחַ צוּ דִי שְׁטוּבּ וֶוערְטְשַׁאפְט אוּן זִי מוּז זִיךְ גֵיין אָפְּרוּעֶן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - ב' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

פַארְוָואס זָאגְסְטוּ אַז אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ גֵייט מֶען נִישְׁט וַואקַאצִיעֶ? וֶוער הָאט דִיר גֶעלֶערְנְט אַזוֹי?! אַז דַיין וַוייבּ ווִיל גֵיין וַואקַאצִיעֶ, זִי זָאגְט זִי דַארְף עֶס הָאבְּן, זִי הָאט נִישְׁט קַיין כֹּחַ - דַארְפְסְטוּ אִיר נֶעמֶען זִיךְ אָפְּרוּעֶן.

ווַאוּיל אִיז דֶעם וָואס אִיז מְכַבֵּד דִי וַוייבּ אוּן גֶעבְּט אַכְטוּנְג זִי זָאל הָאבְּן כֹּחַ פִיזִישׁ אוּן גֵייסְטִישׁ. גֶעבּ אַ קוּק וֶוערְטֶער וָואס רֶבִּי חַיִּים וִיטַאל שְׁרַייבְּט (שַׁעַר הַמִּצְוֹת, פַּרְשַׁת עֵקֶב): "רָאִיתִי לְמוֹרִי ז"ל שֶׁלֹּא הָיָה חוֹשֵׁשׁ בְּעַצְמוֹ לְהִתְכַּבֵּד בְּמַלְבּוּשִׁים נָאִים יוֹתֵר מִדַּאי", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען בַּיי מַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער אַרִיזַ"ל, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוֹיפְט פַאר זִיךְ טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, "גַּם בְּמַאֲכָלוֹ הָיָ' אוֹכֵל דָּבָר מוּעָט מְאֹד", אוֹיךְ הָאט עֶר נִישְׁט גֶעגֶעסְן קַיין סַאךְ, "אֲבָל בְּמַלְבּוּשֵׁי אִשְׁתּוֹ הָיָה זָהִיר מְאֹד לְכַבְּדָהּ וּלְהַלְבִּישָׁהּ", אָבֶער פַאר זַיין וַוייבּ הָאט עֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען צוּ קוֹיפְן טֵייעֶרֶע קְלֵיידֶער, כְּדֵי זִי זָאל זַיין צוּפְרִידְן, "וְהָי' מֵפִיק כָּל רְצוֹנָהּ", עֶר הָאט אִיר גֶעגֶעבְּן אַלֶעס וָואס זִי הָאט בַּאגֶערְט, "אַף אִם לֹא הָיְתָה יָדוֹ מַשֶּׂגֶת כָּל כַּךְ", אֲפִילוּ עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וָואס טוּ אִיךְ מִיט אַ בָּחוּר מִיט גָאר שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

קוֹדֶם וויל אִיךְ זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים און חִיזּוּק.

אִיךְ בִּין אַ מְנַהֵל אִין אַ יְשִׁיבָה, אִיךְ הָאבּ אַ בָּחוּר מִיט גָאר שְׁוֶוערֶע נַאטוּרְן, עֶר אִיז אַ נַארְסִיסְט, דָאס הֵייסְט עֶר זֶעט נָאר זִיךְ אַלֵיין, עֶר טְרַאכְט אַלֶעמָאל נָאר וָואס עֶס אִיז גוּט פַאר אִים, אוֹיף זֵייעֶר נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע אוֹפֶן, אַלֶעס מוּז זַיין פִּינְקְטְלִיךְ ווִי אַזוֹי עֶר הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶע'מְשַׁלְ'ט; דִי בֶּענְקְל, דִי טִישׁ, דִי בֶּעט, אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף וֶועט יֶעדֶער זִיךְ מוּזְן בֵּייגְן צוּם אִים. און פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז דִי בָּחוּרִים ווִילְן עֶס נִישְׁט אַקְצֶעפְּטִירְן, זֵיי טוּעֶן דַוְקָא זַאכְן וָואס זֵיי ווִילְן, אִים צוּ ווַייזְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט בַּעַל הַבַּיִת.

לְמַעֲשֶׂה הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט מִיט אִים אַ לַאנְגֶע שְׁמוּעֶס, אִיךְ הָאבּ אִים גֶעזָאגְט מִיט אַ ווַייכֶע שְׁפְּרַאךְ מִיט אַ לִיבְשַׁאפְט אַז אוֹיבּ וֶועט עֶר אַזוֹי אָנְגֵיין וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען חֲתוּנָה הָאבְּן, ווַייל זַיין ווַייבּ גֵייט אִים נִישְׁט פַארְלַיידְן, אָדֶער וֶועט זִי שְׁמַאכְטְן אוּנְטֶער אִים אָדֶער וֶועט זִי זִיךְ גֶטְ'ן רַחֲמָנָא לִיצְלָן. אִיךְ הָאבּ אִים גֶע'עֵצָה'ט אַז עֶר זָאל טוּן יֶעדְן טָאג אֵיין זַאךְ וָואס אִיז דַוְקָא קֶעגְן זַיין ווִילְן, לְמָשָׁל אוֹיבּ עֶר ווִיל אַ גֶעווִיסֶע בֶּענְקְל זָאל עֶר עֶס דַוְקָא נָאכְגֶעבְּן, און אִיךְ ווִיל הֶערְן יֶעדְן טָאג פוּן אִים אַז עֶר הָאט אַזוֹי גֶעטוּן. עֶר הָאט מִיר נִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַזוֹי ווִי זַיין שְׁוֶוערֶע נַאטוּר אִיז אַז עֶר ווַייזְט נִישְׁט אַרוֹיס אוֹיבּ עֶר הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען אָדֶער נִישְׁט. און אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז זַיינֶע מִידוֹת זָאלְן וֶוערְן בֶּעסֶער.

אִיךְ וויל ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ הָאבּ גֶעטוּן גוּט, און וָואס אִיז טַאקֶע דִי עֵצָה פַאר דֶעם, עֶס גֵייט מִיר אוֹיס דִי הַארְץ פַאר אִים, ווַייל יֶעצְט אִיז עֶר נָאךְ יוּנְג און מֶען קֶען אִים נָאךְ רַאטֶעוֶוען, אוֹיבּ אָבֶּער וֶועט עֶר אַרַיינְוַואקְסְן מִיט זַיינֶע שְׁוֶוערֶע מִידוֹת וֶועט עֶר בְּלַייבְּן אַ קַאלִיקֶער פַאר זַיין לֶעבְּן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרֵךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

ווַאוּיל אִיז דִיר און ווַאוּיל אִיז דַיין חֵלֶק אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה צוּ זַיין אַ מְנַהֵל אוֹיף בָּחוּרִים, דוּ לֶערְנְסְט זֵיי אוֹיס גוּטֶע מִידוֹת. מוֹהֲרַ״ש זָאגְט, דִי

וִויכְטִיגְסְטֶע זַאךְ אִיז גוּטֶע מִידוֹת, אוּן וִוי יוּנְגֶער מֶען אַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם קֶען מֶען דָאס גְרִינְגֶער אוֹיסְאַרְבֶּעטְן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת תְּשׁוּבָה, סִימָן עג): "הָעֲבְדוּת שֶׁאָדָם עוֹבֵד אֶת הַשֵּׁם בְּבַחֲרוּתוֹ כָּל יוֹם", דָאס דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן, "עֶרְכּוֹ יָקָר מִשָּׁנִים רַבּוֹת שֶׁל עֲבוֹדָה לְעֵת זִקְנָתוֹ", אִיז מֶער חָשׁוּב וִוי דִי עֲבוֹדָה אוֹיף דִי עֶלְטֶער.

רֶעד אַסַאךְ מִיט דַיינֶע תַּלְמִידִים פוּן גוּטֶע מִידוֹת, פוּן פַארְגִינֶען אַ צְוֵוייטְן אוּן לִיבּ הָאבְּן אַ צְוֵוייטְן; דָאס אִיז פוּן דִי וִויכְטִיגְסְטֶע זַאכְן וָואס אַ מְנַהֵל אוּן אַנְדֶערֶע אַיינְגֶעשְׁטֶעלְטֶע אִין יְשִׁיבָה דַארְפְן רֶעדְן צוּ דִי תַּלְמִידִים, אוּן אַז מֶען זֶעט בַּיי אֵיינֶע פוּן דִי תַּלְמִידִים אַ שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּר דַארְף מֶען אִים הֶעלְפְן דָאס אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, דוּרְךְ רֶעדְן אַסַאךְ פוּן אֱמוּנָה, אוּן אַסַאךְ פוּן מְוַתֵּר זַיין וְכוּ' וְכוּ'.

הָעִקָּר זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּ דִי תַּלְמִידִים פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת; לֵייג אַרַיין אִין זֵיי הִתְבּוֹדְדוּת, זֵיי זָאלְן זִיךְ מַאכְן אַ צַייט אִין טָאג וִוי זֵיי גֵייעֶן בְּאוֹפֶן קָבוּעַ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. לֶערְן זֵיי אוֹיס וִוי אַזוֹי דָאס צוּ טוּן, מֶען נֶעמְט אַ שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּר אוּן מֶען בֶּעט אוֹיף דֶעם יֶעדְן טָאג. אֵיינֶער הָאט דִי שְׁוֶועֶרֶע מִדָּה פוּן אָנֹכִיוּת, אַ צְוֵוייטֶער הָאט עַצְלוּת, אֵיינֶער הָאט כַּעַס, אֵיינֶער הָאט קִנְאָה, אֵיינֶער הָאט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת אִינְאֵיינֶעם; מֶען זָאל נֶעמֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט אוּן דָאס אוֹיסְשְׁרֵייעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס טוּ אִיךְ מִיט מַיינֶע שְׁוֶועֶרֶע נַאטוּרְן, אִיךְ בִּין אַזוֹי פַארְבִּיסְן, אִיךְ טְרַאכְט נָאר פוּן מִיר, אִיךְ בִּין אַזוֹי בְּכַעַס, אִיךְ בִּין אַזוֹי מְקַנֵּא אַנְדֶערֶע וְכוּ' וְכוּ'", בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה, מֶען וֶוערְט אוֹיסְגֶעאֵיידְלְט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט אוּן לָאז נִישְׁט אָפּ דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט דַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס גֵייט מִיר דִי גְמָרָא נִישְׁט אַרַיין אִין קָאפּ?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ קֶען בָּרוּךְ הַשֵּׁם לֶערְנֶען גְמָרָא, אָבֶּער עֶס גֵייט מִיר עֶפֶּעס נִישְׁט אַרַיין דִי גְמָרָא אִין קָאפּ; וָואס קֶען אִיךְ טוּן?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִינְדֶערְפְרִי בַּיי בִּרְכַּת הַתּוֹרָה, בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "וְהַעֲרֶב נָא ה' אֱלֹקֵינוּ" - זָאלְסְטוּ דָאס בֶּעטְן מִיט טְרֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן אַהֲבַת עוֹלָם, בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן" - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיט גְרוֹיס כַּוָונָה, "וְתֵן בְּלִבֵּנוּ בִּינָה לְהָבִין וּלְהַשְׂכִּיל"; מֶעגְסְט וֵויינֶען בַּיי דִי וֶוערְטֶער אוּן מֶעגְסְט טַייטְשְׁן דִי וֶוערְטֶער אוֹיף דַיין שְׁפְּרַאךְ, בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"'וְהָאֵר עֵינֵינוּ בְּתוֹרָתֶיךָ', הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער מַאךְ מִיר לִיכְטִיג דִי אוֹיגְן אִין דַיין תּוֹרָה, אִיךְ ווִיל פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ כִּתְרָהּ שֶׁל תּוֹרָה"**, נָאר אַזוֹי וֶועט זִיךְ עֶפֶענֶען דַיין קָאפּ אוּן דוּ וֶועסְט פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען.

אוֹיךְ זָאלְסְטוּ גֵיין הִתְבּוֹדְדוּת, זוּךְ אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דַיין מַאמֶע לָשׁוֹן, זָאג אִים ווִי שְׁטַארְק דוּ ווִילְסְט פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען, בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין לֶערְנֶען. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן ח) עֶס אִיז אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְגֶעקוּמֶען צוּ לֶערְנֶען וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען יוּנְג, "כִּי בִּתְחִלָּה הָיָה לוֹמֵד מִשְׁנָיוֹת וְלֹא הָיָה מֵבִין לִמּוּדוֹ", עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִשְׁנָיוֹת אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה הַרְבֵּה לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיָּאִיר עֵינָיו", וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ

גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר ווִיל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה כָּל כָּךְ עַד שֶׁזָּכָה שֶׁיּוּכַל לִלְמוֹד מִשְׁנָיוֹת", אִיךְ הָאבּ אַזוֹי סַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - זָאגְט דֶער רֶבִּי - בִּיז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין מִשְׁנַיוֹת. "וְכֵן אַחַר כָּךְ לָמַד שְׁאָר סְפָרִים וְלֹא הָיָה מֵבִין גַּם כֵּן", נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעלֶערְנְט אַנְדֶערֶע סְפָרִים אוּן עֶר הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר לֶערְנְט, "וְהָיָה בּוֹכֶה וּבוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה מְאֹד עַד שֶׁזָּכָה לַהֲבִינָם", הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעהָאלְפְן אַז עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט, "וְכֵן בְּלִמּוּד זוֹהַר וְכִתְבֵי הָאֲרִ"י זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָיָה בּוֹכֶה גַּם כֵּן הַרְבֵּה עַד שֶׁזָּכָה לְהָבִין", עֶר הָאט אַסַאךְ גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶר לֶערְנְט בִּיז עֶר הָאט אַלֶעס פַארְשְׁטַאנֶען, עַיֵּין שָׁם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**חַזַק וֶאֱמָץ אוּן בְּלַייבּ אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

לְדַעְתִּי זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין פוּן כּוֹלֵל, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיטְן רֹאשׁ הַכּוֹלֵל שְׁלִיטָ״א, אִיךְ הָאבּ אִים דֶערְצֵיילְט אַז דוּ ווִילְסְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן כּוֹלֵל ווַייל דוּ בִּיסְט אַזוֹי גֶעדְרוּקְט, דוּ קֶענְסְט נִישְׁט דֶעקְן דֶעם חוֹדֶשׁ, עֶר זָאגְט מִיר אַז עֶר זֶעט הַצְלָחָה אִין דִיר, עֶר בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל דִיךְ מְחַזֵק זַיין צוּ בְּלַייבְּן אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען, עֶס אִיז מַמָּשׁ אַ שָׁאד דוּ זָאלְסְט אִיבֶּערְלָאזְן כּוֹלֵל.

אִיךְ וֶועל פְּרוּבִּירְן דִיר צוּ הֶעלְפְן זָאלְסְט קֶענֶען דֶעקְן דִי הוֹצָאוֹת פוּן לֶעבְּן, רַק חַזַק וֶאֱמָץ אוּן בְּלַייבּ אִין כּוֹלֵל לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**הַאלְטְן בַּעֲלֵי חַיִים אִין שְׁטוּבּ, בְּרֶענְגְט צָרוֹת**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי-ב׳, כ״ד נִיסָן, ט׳ לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן
**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

טְרָאג אַוֶועק אַלֶע בַּעֲלֵי חַיִים פוּן שְׁטוּבּ, מֶען לַיידְט אַסַאךְ צָרוֹת אַז מֶען הָאט בַּעֲלֵי חַיִים אִין שְׁטוּבּ, פוּן דִי עֲבֵירָה פוּן צַעַר בַּעֲלֵי חַיִים.

גֶעבּ זִיךְ אָפּ מִיט דַיינֶע קִינְדֶער אוּן לָאז דִי פַּארְמֶערְס הָאדֶעוֶועןְ הִינֶער וְכוּ'.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַיינֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען דֶען חָשׁוּב?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ז נִיסָן, י"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דֶעם שַׁבָּת בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, אַ שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט אַלֶע טַעֲמִים. מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, עֶס אִיז דָא אַסאַךְ צוּ שְׁרַייבְּן פוּן אֵיין שַׁבָּת, פוּן דִי תּוֹרוֹת, חִיזוּקִים וָואס מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶ'.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵק גֶעוֶוען מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רצה), חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (כְּרִיתוּת ו:): "כָּל תְּפִלָּה שֶׁאֵין בָּהּ מִתְּפִלַּת פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל אֵינָהּ תְּפִלָּה", אוּן אַז מֶען טְרַאכְט 'וֶוער בִּין אִיךְ? וָואס בִּין אִיךְ דֶען? מַיינֶע תְּפִילוֹת זֶענֶען נִישְׁט חָשׁוּב', דַארְף מֶען וִויסְן אַז דַיְקָא דוּרְךְ דִיר גֵייעֶן אַרוֹיף אַלֶע תְּפִילוֹת. אוּן מֶען זָאל טְרַאכְטְן "הֲלֹא אִם אֲנִי רָחוֹק בְּעֵינַי מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כָּל כָּךְ מֵחֲמַת רִבּוּי עֲווֹנוֹתַי", אוֹיבּ בִּין אִיךְ אַזוֹי וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּלִיבּ מַיינֶע עֲבֵירוֹת, "אִם כֵּן אַדְּרַבָּא עִקַּר שְׁלֵמוּת הַתְּפִלָּה עַל יְדֵי דַיְקָא", קוּמְט אוֹיס אַז נָאר דוּרְךְ מִיר וֶועלְן אַלֶע תְּפִילוֹת אַרוֹיפְגֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "כִּי הֲלֹא אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (כְּרִיתוֹת ו:) 'כָּל תְּפִלָּה שֶׁאֵין בָּהּ מִתְּפִלַּת פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל אֵינָהּ תְּפִלָּה'", נָאר דוּרְךְ תְּפִילוֹת פוּן בַּעֲלֵי תְּשׁוּבָה גֵייעֶן אַרוֹיף דִי תְּפִילוֹת אוֹיבְן אִין הִימְל, "וְיַלְפִינָן מִקְּטֹרֶת שֶׁהָיָה בָּהֶם חֶלְבְּנָה", מֶען לֶערְנְט דָאס אַרוֹיס פוּן דִי קְטֹרֶת. "וְאִם כֵּן, אִם אֲנִי בְּעֵינַי כְּפוֹשֵׁעַ יִשְׂרָאֵל חַס וְשָׁלוֹם", אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט - "אִם כֵּן אַדְּרַבָּא, כָּל שְׁלֵמוּת הַתְּפִלָּה עַל יְדֵי דַיְקָא וְכַנִּזְכָּר לְעֵיל", אִיז דוּרְךְ מִיר וֶועט

וֶוערְן אָנְגֶענוּמֶען דִי תְּפִילּוֹת; דָאס דַארְף מִיךְ מַאכְן דַאוֶוענֶען שְׁטֶערְקֶער אוּן בֶּעסֶער, עַיֵּין שָׁם.

חֲזַק וֶאֱמָץ, לָאז זִיךְ נִישְׁט צֶעבְּרֶעכְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן שְׁטַארְק דַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ז נִיסָן, י״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**מַיין לִיבֶּער טַייעֶרער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הֶער יֶעצְט דִי גוּטֶע נַייעֶס אַז דוּ בִּיסְט זוֹכֶה אִין דִי נָאנְטֶע טֶעג צוּ מְסַיֵּים זַיין גַאנְץ תַּלְמוּד בַּבְלִי; אִיךְ בִּין דִיךְ אַזוֹי מְקַנֵא, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיי דִי דְרַייצְן יָאר צוּ מַאכְן אַ סִיּוּם הַשַּׁ״ס. אִיךְ גֶעדֶענְק מַיין בַּר מִצְוָה, אִיךְ גֶעדֶענְק וִוי מַיין הַארְץ הָאט גֶעפְּלַאקֶערְט צוּ לֶערְנֶען אוּן עֶנְדִיגְן כָּאטְשִׁיג אֵיין מַסֶכְתָּא, אוּן וִויפִיל אִיךְ הָאבּ פְּרוּבִּירְט אִיז עֶס מִיר נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען. וִויפִיל חֲלִישׁוּת הַדַעַת אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט, וִויפִיל מַסֶכְתּוֹת אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעפַאנְגֶען, אוּן נָאךְ אַפָּאר בְּלַאט הָאבּ אִיךְ דָאס אָפְּגֶעלָאזְט פוּן גְרוֹיס יֵאוּשׁ...

בִּיז אִיךְ בִּין גֶעווָאוֹיר גֶעוָוארְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן עו), אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען אֲפִילוּ מֶען פַארְגֶעסְט, אוּן אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שָׁם, סִימָן כו): ״וְדַע שֶׁלֶעָתִיד מַזְכִּירִין אֶת הָאָדָם כָּל מַה שֶׁלָּמַד, אַף אִם שָׁכַח״, אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט דֶערְמַאנְט מֶען דִי נְשָׁמָה אַלֶעס וָואס זִי הָאט גֶעלֶערְנְט אוּן פַארְגֶעסְן, ״גַּם בְּנֵי אָדָם הַשּׁוֹמְעִים הַתּוֹרָה שֶׁל הַצַּדִּיק הָאֱמֶת וְאֵינָם מְבִינִים אוֹתָהּ״, אַזוֹי אוֹיךְ, אוֹיבּ מֶען הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מֶען לֶערְנְט, ״לֶעָתִיד, בָּעוֹלָם הַבָּא, יָבִינוּ״, וֶועט מֶען אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ פַארְשְׁטֵיין, ״כִּי עִקַּר הַתּוֹרָה הִיא לְהַנְּשָׁמוֹת״, ווייל דֶער עִיקָר וָואס מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - אִיז פַאר דִי נְשָׁמָה,

"שֶׁבָּעוֹלָם הַבָּא יִהְיוּ הַנְּשָׁמוֹת בְּקִיאִים וּמַשִּׂיגִים הֵיטֵב אֶת הַתּוֹרָה שֶׁלָּמַד וְשָׁמַע הָאָדָם בָּעוֹלָם הַזֶּה", אַז אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט זָאלְן דִי נְשָׁמוֹת פַּארְשְׁטֵיין דִי תּוֹרָה וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוֹיף דִי וֶועלְט.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין לִיבֶּער ..., שְׁטַארְק זִיךְ, הָאסְט פַּארְלוֹירְן דַיין מַאמֶע, זִי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן אַזוֹי פְּלוּצְלוּנְג, יוּנְגֶערְהֵייט, אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַ שְׁטוּב מִיט יְתוֹמִים, אָבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאסְטוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיךְ נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר. אוֹיךְ דַיין מַאמֶע'ס נְשָׁמָה גֵייט אַרוֹיף הֶעכֶער אוּן הֶעכֶער אִין גַן עֵדֶן - מִיט יֶעדֶע וָוארְט תּוֹרָה וָואס דוּ לֶערְנְסְט, אוּן מִיט יֶעדֶע וָוארְט וָואס דוּ בִּיסְט זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

שְׁטַארְק זִיךְ, אוּן שְׁטַארְק דַיינֶע גֶעשְׁוִוּיסְטֶער, וְחָזַקְתָּ וְהָיִיתָ לְאִישׁ, ווִי אַזוֹי? דוּרְךְ תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה; וֶוער עֶס טוּט דִי צְוֵויי זַאכְן, עֶר לֶערְנְט יֶעדְן טָאג תּוֹרָה אוּן גֵייט הִתְבּוֹדְדוּת - דֶער פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ, אַזַא אֵיינֶער, וָואס עֶס זָאל נָאר אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף אִים - בְּלַייבְּט עֶר שְׁטַארְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### גֶעבּ אַרְבֶּעט פַאר אַ אִיד, אֲפִילוּ עֶס אִיז טֵייעֶרֶער

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ז נִיסָן, י"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

גֶעבּ וֵוייניגֶער צְדָקָה, גֶעבּ עֶנְדֶערְשׁ אַרוֹיס אַרְבֶּעט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס זֶענֶען אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף דֶעם, אֲפִילוּ זֵיי קוּמֶען אַרַיין אַבִּיסְל טֵייעֶרֶער, וַוייל דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה אִיז גֶעבְּן אַרְבֶּעט פַאר אָרֶעמֶעלַייט. דֶער רַמְבַּ"ם רֶעכְנְט אוֹיס אַלֶע סָארְט וֶועגְן פוּן צְדָקָה, זָאגְט דֶער רַמְבַּ"ם (פֶּרֶק י' מֵהִלְכוֹת מַתְּנוֹת עֲנִיִּים, הֲלָכָה ז): "מַעֲלָה גְּדוֹלָה שֶׁאֵין לְמַעְלָה מִמֶּנָּה", דִי הֶעכְסְטֶע צְדָקָה וָואס אִיז פַארְהַאן, וָואס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן גְרֶעסֶערְ'ס פוּן דֶעם - "זֶה הַמַּחֲזִיק בְּיַד

יִשְׂרָאֵל שֶׁמָּךְ", וֶוער עֶס הֶעלְפְט אַן אָרֶעמַאן, "מַמְצִיא לוֹ מְלָאכָה כְּדֵי לְחַזֵּק אֶת יָדוֹ", עֶר בְּרֶענְגְט אִים אַרְבֶּעט, "עַד שֶׁלֹּא יִצְטָרֵךְ לַבְּרִיּוֹת לִשְׁאֹל", עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ בֶּעטְן צְדָקָה, "וְעַל זֶה נֶאֱמַר (וַיִּקְרָא כה-לה) 'וְהֶחֱזַקְתָּ בּוֹ גֵּר וְתוֹשָׁב וָחַי עִמָּךְ', כְּלוֹמַר, הַחֲזֵק בּוֹ עַד שֶׁלֹּא יִפֹּל וְיִצְטָרֵךְ", הֶעלְף אִים עֶר זָאל נִישְׁט דַארְפְן צוּקוּמֶען צוּ צְדָקָה.

וֶוען דוּ גֶעבְּסְט אַרוֹיס אַרְבֶּעט אוּן דוּ הָאסְט אַ אִיד אַ נִצְרָךְ וָואס קוּמְט אַרַיין טַייעֶרֶער פוּנֶעם גוֹי - זָאלְסְטוּ נִישְׁט זוּכְן צוּ נֶעמֶען דֶעם גוֹי וָואס קוּמְט אַרַיין בִּילִיגֶער, גֶעבּ אַרוֹיס דִי אַרְבֶּעט פַארְן אִיד; דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה, וֶועסְט הָאבְן אַ גְרֶעסֶערֶע זְכוּת, דָאס וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען גְרוֹיס עֲשִׁירוּת בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דַיינֶע מוּזִיק ווִידִיאָס זֶענֶען מְחַיֶּ' טוֹיזְנְטֶער אִידְן

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ז נִיסָן, י"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ ווִיל דִיר נָאכְאַמָאל מְחַזֵּק זַיין זָאלְסְט צוּרִיק אָנְהוֹיבְּן מַאכְן מוּזִיק ווִידִיאוֹ; הָאסְט גֶעמַאכְט בִּיז אַהֶער אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע קְלִיפְּס, טוֹיזְנְטֶער מֶענְטְשְׁן שֶׁעפְּן פוּן דֶעם חַיּוּת, אוּן אַזוֹיפִיל מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דוּרְךְ דֶעם, אַזוֹיפִיל קוּמֶען קַיין אוּמַאן בִּזְכוּת דִיר; זָאלְסְטוּ זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט אָפְּלָאזְן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג): "מַעֲשֶׂה, אַמָאל אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם, פַאר זַיין טוֹיט הָאט עֶר גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן הָאט זֵיי גֶעלָאזְט צַוָואָה אַז זֵיי זָאלְן 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'; אִיר מֶעגְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסוֹת אוֹיךְ, נָאר דָאס זָאלְט אִיר זֶען שְׁטֶענְדִיג צוּ טוּן: 'אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער'"; מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) דָאס מֵיינְט מֶען

זָאל מְקַרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (דְּבָרִים כ, יט): "כִּי הָאָדָם עֵץ הַשָּׂדֶה", אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ בּוֹים, אוּן מֶען דַארְף זֵיי אָנְטְרִינְקֶען מִיט אֱמוּנָה.

דוּ מֶעגְסְט עוֹסֵק זַיין אִין אַנְדֶערֶע פַּרְנָסָה אוֹיךְ, אוּן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין דַיין פַּרְנָסָה, אָבֶּער בְּלַייבּ אָנְטְרִינְקֶען בֵּיימֶער, זֵיי מַמְשִׁיךְ מִיט הֲפָצָה, וּבִזְכוּת הַפָּצָה וֶועסְטוּ הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי עֶנְק אִין שְׁטִיבְּל

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ז נִיסָן, י"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן אִיךְ זָאל דִיר שְׁרַייבְּן אוּן זִיךְ נִישְׁט צוּרִיק הָאלְטְן פוּן זָאגְן, דוּ זָאגְסְט דוּ ווִילְסְט הֶערְן וָואס בֶּעסֶער צוּ מַאכְן וְכוּ', וֶועל אִיךְ דִיר שְׁרַייבְּן.

זָאלְסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם בַּיי עֶנְק אִין שְׁטִיבְּל; אַז דוּ הָאסְט זַאכְן וָואס שְׁטֶערְן דִיךְ פוּן דֶעם אוּן פוּן יֶענֶעם וְכוּ' וְכוּ' - זָאלְסְטוּ דָאס דֶערְצֵיילְן נָאר פַאר אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, אָבֶּער אִין שׁוּל זָאלְסְטוּ נִישְׁט מַאכְן קַיין שׁוּם עֵסֶק דֶערְפוּן; אָפְּגֶעזֶען אוֹיבּ מֶען דַאוֶונְט שְׁפֶּעט אָדֶער פְּרִי, שְׁנֶעל אָדֶער שְׁטֵייט, דָאס אִיז נִישְׁט דַיין זַאךְ, דַיין זַאךְ אִיז קוּמֶען אִין שְׁטִיבְּל מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אוֹיפְזוּכְן אִין יֶעדְן אֵיינֶעם דָאס גוּטְס.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, בַּיי יֶעדֶע שְׁטִיבְּל הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אִיז דָא אִינְדְרוֹיסְן קְלִיפּוֹת וּמַזִּיקִין וָואס הַאלְטְן צוּרִיק מֶענְטְשְׁן פוּן קוּמֶען דַאוֶוענֶען; דָאס אִיז נִישְׁט נָאר פַאר פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים, דָאס אִיז בַּיי יֶעדְן אֵיינֶעם, מֶען קֶען זַיין יָארְן אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ אוּן פְּלוּצְלוּנְג וֶוערְט מֶען פַארְכַאפְּט בַּיי דִי קְלִיפָּה פוּן

מַחֲלֹקֶת, מֶען וֶוערְט פַּארְנוּמֶען מִיט דֶעם אוּן מִיט יֶענֶעם, מֶען פַאַרְגֶעסְט פַּארְוָואס מֶען אִיז בִּכְלַל גֶעקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, פַאַרְוָואס מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי׳ן.

אוֹיבּ דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁטַארְקְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט מַאכְן קַיין עֵסֶק פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, דוּ וֶועסְט נָאר שְׁמֵייכְלֶען - וֶועלְן עֶנְק הָאבְּן הַצְלָחָה מִיט דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ בַּייסְן - אִיז אַ גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף עֶנְקֶערֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לַאכְט אַייךְ גוּט אוֹיס, דָאס זֶענֶען נִישְׁט קַיין צָרוֹת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ז נִיסָן, י״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אַז אַייעֶר שְׁוֶועגֶערִין וִויל אַייךְ נִישְׁט שִׁיקְן אַ בִּילְד פוּן אַ קְלֵייד וָואס זִי הָאט אַיינְגֶעקוֹיפְט, אוּן פַאר דִי אַנְדֶערֶע שְׁוֶועגֶערִין שִׁיקְט זִי יָא - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין צָרָה, אוֹיף דֶעם וֵויינְט מֶען נִישְׁט; וָואלְט אִיר גֶעוְוּיסְט וִויפִיל צָרוֹת עֶס אִיז דָא בַּיי אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִויפִיל וַוארְטְן אוֹיף קִינְדֶער, וִויפִיל דַארְפְן אַ רְפוּאָה, וִויפִיל דַארְפְן שָׁלוֹם בַּיִת וְכוּ׳ וְכוּ׳ - וָואלְט אִיר גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיר זֶענְט גֶעזוּנְט, אַייעֶר מַאן אִיז גֶעזוּנְט, אַייעֶרֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעזוּנְט, עֶנְק הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת, עֶנְק פִירְן זִיךְ עֶרְלִיךְ, עֶנְק זֶענֶען מְקוֹרָב צוּם צַדִיק; עֶס וָואלְט אַייךְ נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִי אַלֶע זַאכְן.

אִיךְ מוּז אַייךְ זָאגְן, וֶוען אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם בְּרִיוו נַאס, דוּרְכְגֶעוֵוייקְט מִיט טְרֶערְן - הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט ׳עֶפֶּעס גָאר בִּיטֶער שְׁטֵייט אִינֶעם בְּרִיוו, אַז עֶס אִיז גֶעשְׁרִיבְּן מִיט אַזוֹיפִיל

טְרֶערְן׳; נָאכְן עֶס לֵיינֶען אוּן זֶען אַז אַלֶעס אִיז פַּיין, עֶנְק אַלֶע זֶענֶען גֶעזוּנְט, אוּן דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז ׳דִי שְׁוֶועגֶערִינְס אַרוּיף, דִי שְׁוֶועגֶערִינְס אַרָאפּ, מֶען הָאט מִיךְ יָא גֶערוּפְן, מֶען הָאט מִיךְ נִישְׁט גֶערוּפְן, מֶען דַארְף מִיךְ יָא, מֶען דַארְף מִיךְ נִישְׁט׳ - הָאבּ אִיךְ זִיךְ בַּארוּאִיגְט.

אַז דִי שְׁוֶועגֶערִינְס נֶעמֶען זִיךְ צַאם אוּן מֶען הָאט אַייךְ נִישְׁט גֶערוּפְן - דָאס אִיז נִישְׁט קַיין צָרָה, אוֹיף דֶעם וֵויינְט מֶען נִישְׁט, אוֹיף דֶעם אִיז גוּט צוּ נֶעמֶען דִי כְּלַל וָואס מוֹהֲרָא״שׁ לֶערְנְט אוּנְז: ״וִוילְסְט מִיךְ נִישְׁט? וִויל אִיךְ דִיךְ טוֹיזְנְט מָאל נִישְׁט״; כָּל זְמַן אַייעֶר מַאן וִויל אַייךְ, אַייעֶר מַאן לֶעבְּט מִיט אַייךְ אוּן עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם - זֶענְט אִיר דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶע פְּרוֹי וָואס אִיז דָא.

לַאכְט אַייךְ גוּט אוֹיס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט גוֹיִם**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ז נִיסָן, י״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וֶוען דוּ גֵייסְט מִיט דַיין זוּן שְׁפַּאצִירְן אוּן אַ גוֹי גְרִיסְט, עֶר שְׁמֵייכְלְט צוּ דַיין זוּן - זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְלֶערְנֶען צוּרִיק צוּ גְרִיסְן, אָבֶּער נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן ׳וִוי גְלִיקְלִיךְ זֶענֶען מִיר אַז מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין גוֹיִם׳.

אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען דוּ גֵייסְט אִין גְרָאסֶערִי אוּן דֶער גוֹי שְׁמֵייכְלְט צוּ דַיינֶע קִינְדֶער, זָאלְסְטוּ אוֹיסְלֶערְנֶען דַיינֶע קִינְדֶער צוּרִיק צוּ גְרִיסְן, אָבֶּער גְלַייךְ נָאכְדֶעם זָאג הוֹיךְ: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען אִידְן, שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר זֶענֶען נִישְׁט קַיין גוֹיִם״, אוּן זֵיי אוֹיסְלֶערְנֶען נִישְׁט צוּ קוּקְן אוֹיף גוֹיִם אוּן נִישְׁט הָאבְּן מִיט גוֹיִם.

זַיי זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט דֶעם אַז מִיר זֶענֶען אִידְן, מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶעבּוֹירְן קַיין גוֹיִם. מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְט, וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶּ׳ מִיט ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי׳ קֶען מֶען

נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן, "כִּי בְּכָל דָּבָר יְכוֹלִים הַסמ"ךְ מ"ם וְהַקְלִפּוֹת לְהִתְאַחֵז בּוֹ", ווייל אִין יֶעדֶע זַאךְ קֶענֶען דִי קְלִיפּוֹת זִיךְ אַריינְמִישְׁן און מַחְלִישׁ דַּעַת זַיין, "אֲבָל בְּשִׂמְחָה זוֹ שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי", אָבֶּער בַּיי דִי שִׂמְחָה וֶוען מֶען פְרֵייט זִיךְ אַז מֶען אִיז נִישְׁט קַיין גּוֹי, "בָּזֶה אֵין לָהֶן שׁוּם שְׁלִיטָה", בַּיי דֶעם הָאבְּן זֵיי נִישְׁט קַיין שְׁלִיטָה, ווייל דָאס אִיז אַ פַאקְט, 'אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט, קֶענְסְט זָאגְן אוֹיף מִיר אַז אִיךְ פִיר זִיךְ נִישְׁט אוֹיף גֶעהֶערִיג, אַ אִיד פִּירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי, פֵיין און וואוּיל, אָבֶּער אַ גּוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט', "וְהַשִּׂמְחָה הַזּוֹ עוֹלָה עַל כָּל הַשְּׂמָחוֹת", און וֶוער עֶס פְרֵייט זִיךְ מִיט דֶעם - דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע פְרֵייד (עַיֵּין סִידּוּר עֵת רָצוֹן תְּפִילַּת הַשַּׁחַר, אוֹת ב).

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אָדֶער אַ טֶעלֶעפָאן, אָדֶער עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ז נִיסָן, י"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין וֶוערְטֶער אַייךְ צוּ בַּאדַאנְקֶען אוֹיף וָואס אִיר טוּט פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער און פַאר דִי סְקוּל בֵּית פֵיגָא, און בַּאזוּנְדֶער דַאנְק אִיךְ אַייךְ פַארְן בַּאגְלֵייטְן דִי וַוייבְּלֶעךְ, דִי תַּלְמִידוֹת בֵּית פֵיגָא - נָאךְ דִי חֲתוּנָה, זֵיי צַאמְצוּנֶעמֶען, זֵיי גֶעבְּן שִׁיעוּרִים, יֶעדֶע כִּתָּה בַּאזוּנְדֶער, און זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי; דִי מִצְוָה אִיז גָאר גְרוֹיס, דִי מִצְוָה וֶועט אַייךְ בַּאגְלֵייטְן בָּזֶה וּבַבָּא פַאר אַייךְ און פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

הָאט נִישְׁט מוֹרָא צוּ רֶעדְן צוּ דִי וַוייבְּלֶעךְ קֶעגְן הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן; רֶעדְט פוּן דֶעם, זַייט מְחַזֵּק דִי תַּלְמִידוֹת אִיבֶּער דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן, רֶעדְט צוּ זֵיי וִוי גְלִיקְלִיךְ מֶען אִיז אַז מֶען פָאלְגְט אַלֶעס וָואס דִי צַדִּיקִים זָאגְן, וִוי גְלִיקְלִיךְ מֶען אִיז אַז מֶען גֵייט נָאךְ אַ צַדִּיק.

אוֹיךְ דַארְף מֶען רֶעדְן אִין סְקוּל אִין בֵּית פֵיגָא צוּ דִי עֶלְטֶערֶע מֵיידְלֶעךְ

וָואס גֵייעֶן שׁוֹין בַּאלְד חֲתוּנָה הָאבְּן פוּן נִישְׁט הָאבְּן אַ טֶעלֶעפָאן וָואס שְׁטֶערְט דָאס לֶעבְּן, אוּן פוּן זַיין פֶּעלְזְן פֶּעסְט קֶעגְן דִי נִסְיוֹנוֹת הַדּוֹר, וַוייל דִי טֶעלֶעפָאן אִיז סַם הַמָּוֶת פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת, עֶס אִיז אָדֶער אָדֶער; אָדֶער אַ טֶעלֶעפָאן אָדֶער עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ אִיד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ז נִיסָן, י״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר, אִיךְ וַוארְט צוּ הֶערְן פוּן דִיר.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דִי אֵיין זַאךְ, מִיט קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶונֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, וַוייל דָאס הַאלְט דֶעם אִיד אִין מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, דָאס אִיז דֶער יְסוֹד הַיְסוֹדוֹת פוּן אַ אִיד, וֶוער עֶס דַאוֶוענְט דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת יֶעדְן טָאג - דֶער אִיז שְׁטַארְק מִיט דִי אֱמוּנָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ח) אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (בְּרָכוֹת נד.) עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן הָאט גֶעזָאגְט: ״מַחֲנֵה יִשְׂרָאֵל כַּמָּה הָוֵי, תְּלָתָא פַּרְסֵי״, תְּלָתָא פַּרְסֵי אִיז דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת, דָאס הַאלְט אַ אִיד בַּיי קְדוּשַּׁת יִשְׂרָאֵל, אוּן חַס וְשָׁלוֹם אוֹיבּ מֶען אִיז מְזַלְזֵל אִין דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת - אִיז זֵייעֶר בִּיטֶער, מֶען קֶען אִינְגַאנְצְן אַוֶועק פַאלְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַז מֶען בְּרֶעכְט דָאס דוּרְךְ, אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ז נִיסָן, י״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרְער זוּן ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טֵייעֶרְער זוּן, שְׁטַארְק זִיךְ בְּלִימוּד הַתּוֹרָה, קוּם אִין כּוֹלֵל צַייטְלִיךְ אוּן בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס לֶערְנֶען אוּן לִיבּ הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען.

אָנְהוֹיבּ אִיז שְׁוֶוער, אָנְהוֹיבּ שְׁפִּירְט מֶען נִישְׁט אַ שְׁטַארְקֶע הַנָאָה, אָבֶּער אַז מֶען בְּרֶעכְט דָאס אַדוּרְךְ - אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן.

מַיין טֵייעֶרְער ..., זָאג יֶעדְן טָאג דֶעם יוֹם תְּהִלִים, זָאג יֶעדְן טָאג אַכְצְן פְּרָקִים מִשְׁנָיוֹת אוּן זֵיי מַקְפִּיד צוּ דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן מִיט אַ סִידוּר, אָן שְׁמוּעֶסְן בַּיים דַאוֶוענֶען.

אִיךְ בֶּעט פַאר דִיר אוּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ז נִיסָן, י״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיווּ.

לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג זָאלְט אִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען אָפְּצוּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער אִינְדֶערְפְרִי בַּיים בֶּעט, אוּן נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן נֶעגְל וַואסֶער.

נֶעגְל וַואסֶער בְּרֶענְגְט קְדוּשָּׁה אִין שְׁטוּבּ. מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אַמָאל אִיז אַ פְרוֹי גֶעקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן גָאוֹן דֶער סְטֵייפְּלֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זִי הָאט גֶעוֵויינְט אַז אִירֶע קִינְדֶער פַאלְן אַוֶועק פוּן אִידִישְׁקֵייט, אוּן מַמָשׁ יֶעצְט הָאט אִיר זוּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁנִיטְן זַיינֶע פֵּיאוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן

אִיר גֶעפְרֶעגְט: "אִיר גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וַואסֶער אִינְדֶערְפְרִי?" דִי פְרוֹי אִיז רוֹיט גֶעוָוארְן פַאר בּוּשָׁה אוּן מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זִי גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ קַיין נֶעגְל וַואסֶער, הָאט דֶער סְטֵייפְּלֶער גָאוֹן אִיר גֶעזָאגְט: "וָואס ווילְט אִיר פוּן מִיר? אַז מֶען גִיסְט נִישְׁט אָפּ נֶעגְל וַואסֶער בְּלַייבְּט דִי טוּמְאָה אוֹיף דִי הֶענְט; וָואס מֶען כַאפְּט אָן וֶוערְט טָמֵא, מִמֵּילָא אִיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ פוּל מִיט אַ רוּחַ טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, וָואס קֶען אִיךְ אַייךְ טוּן אַז אִיר אַלֵיין הָאט גוֹרֵם גֶעוֶוען דִי צָרוֹת?" זֶעט מֶען וָואס פַּאסִירְט וֶוען מֶען גִיסְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ קַיין נֶעגְל וַואסֶער.

אִיר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן נָאךְ אַבִּיסְל זֶענְט אִיר אַ מַאמֶע, דַארְפְט אִיר זֵייעֶר מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דִי זַאךְ, נִישְׁט גֵיין שְׁלָאפְן אָן זִיךְ אָנְגְרֵייטְן נֶעגְל וַואסֶער אוּן נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## לְכָבוֹד דִי נֵס זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג דַאנְקֶען "שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ז נִיסָן, י"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ בִּין אַוֶועק גֶעפָארְן אוֹיף פֶּסַח, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל קְרִיַּת בְּרֶסְלֶב, אִיךְ בִּין נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען צוּ זֶען דַיין בְּרִיוּו בִּיז יֶעצְט.

אִיךְ הָאבּ צַעַר פוּן וָואס דוּ בִּיסְט אַרִיבֶּער, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דוּ וֶועסְט זִיךְ שְׁנֶעל עֶרְהוֹילְן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּ דַיינֶע כֹּחוֹת.

אִיךְ דֶערְמַאן זִיךְ אַ מַעֲשֶׂה וָואס מוֹהֲרָא"ש הָאט דֶערְצֵיילְט, דִי זֶעלְבֶּע מַעֲשֶׂה וָואס הָאט דִיר פַּאסִירְט אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח הָאט פַּאסִירְט בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן, עֶס אִיז אִים אַרַיין אַ בֵּיין אִין הַאלְז, עֶר הָאט זִיךְ דֶערְשְׁטִיקְט, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "וֶוען דִי בֵּיין אִיז מִיר גֶעוֶוען אִין הַאלְז הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאבּ אִיךְ גֶעקוּקְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן";

דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז אִין יֶעדֶע מַצָּב דַארְף מֶען זִיךְ צִיעֶן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז מֶען קֶען נִישְׁט רֶעדְן, מֶען אִיז דֶערְשְׁטִיקְט - זָאל מֶען קוּקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ צִיעֶן צוּ אִים.

דַאנְק אוּן לוֹיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דוּ לֶעבְּסְט אוּן אַז דוּ הַאלְסְט דָא, אֱמֶת עֶס אִיז דִיר צֶעשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן דֶעם לֶעצְטְן טָאג יוֹם טוֹב, אוּן וְוִי שְׁטַארְק מֶען הָאט זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט אִין שְׁפִּיטָאל בִּיז מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דֶעם בֵּיין, אָבֶּער דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז צוּ קוּקְן אוֹיף דִי חֲסָדִים, צוּ טְרַאכְטְן 'עֶס וָואלְט גֶעקֶענְט זַיין אַסַאךְ עֶרְגֶער, אוּן חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ פַּאר דִי גְרוֹיסֶע נִיסִים'.

לְכָבוֹד דִי נֵס אַז דוּ לֶעבְּסְט זָאלְסְטוּ זִיךְ פָּארְנֶעמֶען צוּ דַאנְקֶען יֶעדְן טָאג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאגְן "שְׁכַּח אֵייבֶּערְשְׁטֶער" פַּאר דִי חֲסָדִים אוּן נִיסִים וָואס עֶר טוּט מִיט דִיר שְׁטֶענְדִיג.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**רֶעדְן אוּן רֶעדְן אוּן רֶעדְן, אוּן בַּיים סוֹף פּוֹעֶל'ט מֶען**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ז נִיסָן, י"ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

הָאסְט מִיר גֶעבֶּעטְן חִיזוּק צוּ זַיין אִין יְשִׁיבָה מִיט דִי בָּחוּרִים, דוּ זָאגְסְט דִי בָּחוּרִים הֶערְן נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט זֵיי מִיט אֵיין מָאל, מֶען דַארְף זֵיי זָאגְן אַפָּאר מָאל.

מַאכְסְט מִיךְ לַאכְן; וָואס מֵיינְסְטוּ, מִיט אֵיין מָאל רֶעדְן קֶען מֶען יֶענֶעם טוֹישְׁן לְטוֹבָה? עֶס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי, מֶען דַארְף רֶעדְן אוּן רֶעדְן אוּן רֶעדְן בִּיז מֶען זֶעט פֵּירוֹת, מֶען דַארְף אַסַאךְ סַבְלָנוּת צוּ זַיין מִיט תַּלְמִידִים, מֶען דַארְף שְׁטַארְקֶע נֶערְוְון אוּן אַייזֶערְנֶע גֶעדוּלְד צוּ זֵיי, אָבֶּער דָאס דַארְף מֶען וִויסְן, אַז בַּיים סוֹף פּוֹעֶל'ט מֶען; אַז מֶען רֶעדְט אֱמֶתְ'עֶ רֵייד, מֶען רֶעדְט צוּ תַּלְמִידִים פוּן יִרְאַת שָׁמַיִם, בַּיים סוֹף פּוֹעֶל'ט מֶען.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, און אַז דוּ הָאסְט מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ, דוּ ווילְסְט אוֹיפְהֵייבְּן דִי הֶענְט און אוֹיפְגֶעבְּן - זָאלְסְטוּ אוֹיפְהֵייבְּן דַיינֶע הֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און בֶּעטְן דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין מִיט דִי תַּלְמִידִים, זָאלְסְט הָאבְּן חֵן מִיט דִי רִיכְטִיגֶע וֶוערְטֶער.

גֵיי יֶעדְן טָאג הֲפָצָה און לֵייג אַרַיין אִין דִי תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן אוֹיךְ גֵיין הֲפָצָה.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

קוּקְן אוֹיבּ דִי סְבִיבָה אִיז עֶרְלִיךְ, אֵיידֶער מֶען צִיעֶט זִיךְ אַהִין

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ז נִיסָן, י״ב לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס דוּ הֶערְסְט פוּן מִיר בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, און וָואס דוּ לֵיינְסְט אִין דִי בְּרִיוו - דָאס קֶענְסְטוּ אָנְנֶעמֶען, און וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן דִיר נָאךְ אִין מַיין נָאמֶען - אוֹיף דֶעם נֶעם אִיךְ נִישְׁט אַחְרָיוּת.

זַיי זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל פוּן דִי זַאכְן, נֶעם דִי הִתְחַזְּקוּת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, נֶעם דִי חִיזּוּק צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוֹיפְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד פוּן רֶבִּי'ן (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו), נֶעם דִי חִיזּוּק אוֹיף הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִלָּה, נֶעם חִיזּוּק אוֹיף זִיךְ דֶערְהַאלְטְן אֲפִילוּ עֶס גֵייט אַרִיבֶּער וָואס גֵייט אַרִיבֶּער; צוּ בְּלַייבְּן שְׁטַארְק מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה, גְלֵייבְּן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה; נָאר דָאס זָאל דִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן.

בְּנוֹגֵעַ זִיךְ אַרִיבֶּערְצִיעֶן קַיין פְלַארִידֶע; זַיי מְבָרֵר אוֹיבּ דִי נַייעֶ יִשּׁוּב וֶועט זַיין גֶעבּוֹיט אוֹיף תּוֹרָה וְיִרְאַת שָׁמַיִם, אוֹיבּ עֶס וֶועט זַיין דָארְט אַ רָב מִיט מוֹסְדוֹת הַתּוֹרָה. דָאס אִיז אוֹיף וָואס אַ אִיד דַארְף קוּקְן אֵיידֶער עֶר גֵייט וואוֹינֶען אִין אַ פְּלַאץ, אוֹיבּ עֶר וֶועט קֶענֶען דָארְט קוֹנֶה זַיין יִרְאַת שָׁמַיִם, אוֹיבּ דִי סְבִיבָה אִיז עֶרְלִיךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט רוּאִיג, וֶוערְן דִי קִינְדֶער אוּמְרוּאִיג**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ב׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לפ״ק

**מָרַת ... תְּחְיֶ׳**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

וֶוערְט נִישְׁט פַּארְלוֹירְן אוּן דֶערְשְׁרָאקְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן, זִי וֶועט וַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

אַז אַייעֶר טָאכְטֶער פְרֶעגְט אַייךְ: "וָואס דַארְף מֶען מִיךְ בַּאקוּקְן? וְכוּ'" זָאלְט אִיר זָאגְן: "דֶער דָאקְטֶער קוּקְט אוֹיבּ דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט, דַארְפְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְן, עֶס אִיז נָאר פַּאר גֶעזוּנְט", אוּן חַזֶר'ט נָאכְאַמָאל אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיפְן קֶערְפֶּער אוּנְטֶער דִי קְלֵיידֶער, נָאר אוֹיבּ טַאטֶע מַאמֶע נֶעמֶען צוּם דָאקְטֶער וְכוּ'.

וֶוערְט נִישְׁט פַּארְלוֹירְן, זַייט רוּאִיג בַּיי אַייךְ אִין מֹחַ - וֶועט זִי אוֹיךְ זַיין רוּאִיג, וַוייל וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט רוּאִיג שְׁפִּירְן דָאס דִי קִינְדֶער אוּן דָאס מַאכְט זֵיי אוּמְרוּאִיג.

וֶוען אִיר צִינְדְט דִי שַׁבָּת לִיכְט זָאלְט אִיר מַאכְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע תְּפִלָּה פַּאר אִיר, זִי זָאל וַואקְסְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**מַתָּן שְׂכָרָהּ בְּצִדָּהּ, הַפָּצָה בְּרֶענְגְט גְרוֹיס שֶׁפַע**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דִי יְשִׁיבָה הָאט זִיךְ צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט, אוּן אִיךְ דַאנְק

דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר גֶעבְּט מִיר דִי זְכִיָּה צוּ זִיצְן נָאךְ אַ זְמַן מִיט בָּחוּרִים, לֶערְנֶען מִיט זֵיי תּוֹרָה און לֶערְנֶען מִיט זֵיי דִי חִיזּוּק פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, און אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין מִיט דֶעם מַיין גַאנְץ לֶעבְּן.

זַיי עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, מִיט דֶעם וֶועסְטוּ פַארְרֶעכְטְן אַלֶע פְּגָמִים. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִיאוּף, סִימָן מא): "תִּקּוּן לְהוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה, שֶׁיִּשְׁתַּדֵּל לְהַחֲזִיר בְּנֵי אָדָם בִּתְשׁוּבָה", וֶוער עֶס וויל פַארְרֶעכְטְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת זָאל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זָאלְסְטוּ יֶעדְן טָאג עוֹסֵק זַיין אִין דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה פוּן הֲפָצָה, וַוייל עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִי הֲפָצָה.

דֶער הֵיילִיגֶער זוֹהַר זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:) "תָּא חֲזִי, כָּל מַאן דְּאָחִיד בִּידָא דְחַיָּיבָא וְאִשְׁתַּדַּל בֵּיהּ, לְמִשְׁבַּק אָרְחָא בִּישָׁא", קוּם און זֶע: אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "אִיהוּ אִסְתַּלָּק בִּתְלַת סִלּוּקִין, מַה דְּלָא אִסְתַּלָּק הָכִי בַּר נָשׁ אַחֲרָא", דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין אוֹיף אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; "גָּרִים לְאַכְפְּיָיא סִטְרָא אַחֲרָא, וְגָרִים דְּאִסְתָּלַּק קוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בִּיקָרֵיהּ, וְגָרִים לְקַיְּימָא כָּל עָלְמָא בְּקִיּוּמֵיהּ לְעֵילָּא וְתַתָּא", דֶער מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דִי וֶועלְט און עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ׳ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. "וְזָכֵי לְמֶחֱמֵי בְּנִין לִבְנוֹי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶען קִינְדֶער און אֵיינִיקְלֶעךְ, "וְזָכֵי בְּהַאי עָלְמָא, וְזָכֵי לְעָלְמָא דְּאָתֵי", עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "כָּל מָארֵי דִּינִין, לָא יַכְלִין לְמֵידָן לֵיהּ, בְּהַאי עָלְמָא וּבְעָלְמָא דְּאָתֵי", קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט און נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט, "עָאל בִּתְרֵיסַר תַּרְעֵי, וְלֵית מַאן דְּיִמְחֵי בִּידֵיהּ", עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים, און קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן.

מַתָּן שְׂכָרָהּ בְּצִדָּהּ, דִי וָואס זֶענֶען עוֹסֵק אִין הֲפָצָה הָאבְּן גְרוֹיס שֶׁפַע. וֶועגְן לַ"ג בָּעֹמֶר וֵוייס אִיךְ נָאכְנִישְׁט וָואס אִיךְ טוּ, וַוייל זֵיי זָאגְן אַז זֵיי

גֵייעֶן פַארְשְׁפַּארְן מִירוֹן, אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיךְ זָאל וִויסְן וָואס צוּ טוּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זִיךְ הִיטְן פוּן לֵצִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ בְּתוֹכֵנוּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן פוּן אֵיין זַאךְ, פוּן לֵצִים וָואס דְרֵייעֶן זִיךְ בְּתוֹכֵנוּ; נִישְׁט צוּ הָאבְּן קַיין שַׁיְיכוּת מִיט זֵיי.

וָואס אִיז דֶער סִימָן פוּן אַ לֵץ, פוּן וֶועם זִיךְ צוּ הִיטְן? דֶער וָואס רֶעדְט פוּן אַנְדֶערֶע, דֶער וָואס טְרָאגְט אוּן בְּרֶענְגְט לָשׁוֹן הָרָע; פוּן אַזַא אֵיינֶעם דַארְף מֶען זִיךְ הִיטְן, וַוייל לֵיצָנוּת אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע קְלִיפָּה; רֶבִּי נָתָן רוּפְט דָאס אָן 'אֲבִי אֲבוֹת הַטוּמְאָה' רַחֲמָנָא לִצְלָן.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר גוּטֶע חֲבֵרִים, אוּן עֶר זָאל דִיךְ הִיטְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן מְתַקֵן גֶעוֶוען (בְּרָכוֹת טז:) מֶען זָאל בֶּעטְן יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי פַאר אַ חָבֵר טוֹב אוּן זִיךְ בַּאהִיטְן פוּן אַ חָבֵר רָע, וַוייל גוּטֶע חֲבֵרִים קֶענֶען בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן, אוּן חֲבֵרִים לֵצִים קֶענֶען אַרָאפְּוַוארְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ אִין נוּקְבָא דִתְהוֹמָא רַבָּא.

אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דִי וָואךְ פְרַייטָאג בַּאזוּכְן מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א, רַב דְקַארְלְסְבּוּרג, דֶערְצֵיילְט עֶר מִיר וָואס טוּט זִיךְ אִין אוּמַאן; עֶס קוּמֶען אָן צוּ אִים דִי שְׁוֶוערֶע שְׁאֵלוֹת פוּן אוּמַאן, דִי שְׁאֵלוֹת פוּן כֹּהֲנִים אוּן פוּן מִקְוָאוֹת, זָאגְט עֶר מִיר, דֶער רֶעדְט אוֹיף דֶעם אוּן דֶער רֶעדְט אוֹיף יֶענֶעם, דֶער זָאגְט עֶר בּוֹיט אַ בִּנְיָן אוֹיף עֲצָמוֹת פוּן מֵתִים אוּן דֶער שְׁרֵייט אוֹיף דֶעם, זָאגְט מִיר מַיין טַאטֶע שְׁלִיטָ"א: "אַמָאל הָאט מֶען גֶעוְוּיסְט, וֶוער עֶס הָאט גֶעזוּכְט אַ ווִינְקְל פוּן אֱמֶת אִיז גֶעגַאנְגֶען קַיין בְּרֶסְלֶב, הַיינְט זֶע אִיךְ אַז אִין בְּרֶסְלֶב אִיז דָא אַזוֹיפִיל רַייבֶּערַייעֶן"... עֶר הָאט מִיר עֶס גֶעזָאגְט מִיט וֵוייטָאג.

לָאמִיר זֶען בַּיי אוּנְזֶערֶע ד' אַמּוֹת זָאל נִישְׁט זַיין קַיין שׁוּם לֵיצָנוּת, קַיין שׁוּם לָשׁוֹן הָרָע אוּן רְכִילוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אִין דִי סְפִירָה טֶעג טַאנְצְט מֶען נִישְׁט

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵּיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

יֶעצְט אִין דִי סְפִירָה טֶעג שְׁטֶעלְט מֶען אָפּ דָאס טַאנְצְן מִיט דִי קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין הֲלָכָה אַז אִין דִי טֶעג טַאנְצְט מֶען נִישְׁט (מָגֵן אַבְרָהָם סִימָן תצג, סְעִיף קָטָן ג) ; נִישְׁט מִיט קַיין עֶכְטֶע מוּזִיק אוּן נִישְׁט מִיט קַיין גֶעמַאכְטֶע מוּזִיק.

יֶעצְט אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירָה דַארְף מֶען בַּאזוּנְדֶער רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן גוּטֶע מִידוֹת; דִי אַרְבֶּעט פוּן אַ מְנַהֶלֶת אִיז - דֶערְמַאנֶען שְׁטֶענְדִיג דִי לֶערֶערִינְס זָאלְן זִיךְ אוּמְקוּקְן אוֹיבּ מֶען טְשֶׁעפֶּעט אַ קִינְד, אוּן נָאכְקוּקְן אוֹיבּ מֶען בַּא'עַוְלָה'ט אַ קִינְד, אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן מֶען זָאל קֵיינֶעם נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### 'מִזְמוֹר לְתוֹדָה' אִיז מְסוּגָל לְהוֹלָדָה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ'; בַּיי אוּנְז פִירְט מֶען זִיךְ אַז דֶער מַאן וַוארְט אִינְדְרוֹיסְן פוּן צִימֶער, אוּן זָאגְט קַאפִּיטְל ק' 'מִזְמוֹר לְתוֹדָה'. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק

ב׳, סִימָן ב) אַז דִי קַאפִּיטְל אִיז מְסוּגָל לְהוֹלָדָה, מֶען זָאגְט דִי קַאפִּיטְל נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל בִּיז מֶען רוּפְט מִיט אַ מַזָל טוֹב.

אוֹיךְ גֶעבְּט מֶען צְדָקָה לִזְכוּת דִי וַוייבּ וְלִזְכוּת דִי קִינְד.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

זָאגְן יֶעדְן טָאג "נִשְׁמַת", אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

... תִּחְיֶ׳

לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג וָואס גֶעפַאלְט דֶעם שַׁבָּת, ג׳ אִיָר, זָאלְט אִיר זוֹכֶה זַיין צוּ גֶעזוּנְטֶע לַאנְגֶע יָארְן מִיט אַלֶעס גוּטְס.

נֶעמְט זִיךְ פָאר לְכָבוֹד אַייעֶר גֶעבּוּרְטְסְטָאג צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג "נִשְׁמַת"; לוֹיבְּט אוּן דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דִי חֲסָדִים וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט מִיט אַייךְ, דָאס וֶועט אַייךְ גֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן טַעַם גַן עֵדֶן. אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳, סִימָן ב): "כִּי זֶה עִקַּר שַׁעֲשׁוּעַ עוֹלָם הַבָּא, לְהוֹדוֹת וּלְהַלֵּל לִשְׁמוֹ הַגָּדוֹל יִתְבָּרַךְ וּלְהַכִּיר אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ", דִי תַּעֲנוּג פוּן עוֹלָם הַבָּא אִיז צוּ דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים לוֹיבְּן, וִוייסְן אַז אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס, "שֶׁעַל יְדֵי זֶה סְמוּכִים וּקְרוֹבִים אֵלָיו יִתְבָּרַךְ", וִוי מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים, "כִּי כָּל מַה שֶׁיּוֹדְעִין וּמַכִּירִין אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּיוֹתֵר", וַוייל וִוי מֶער מֶען וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז בְּלוֹיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַליין - "סְמוּכִים אֵלָיו בְּיוֹתֵר", אִיז מֶען נֶענְטֶער צוּ אִים.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין דִי פַּרְשָׁה

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד
לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ'**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס צַעַר פוּן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ זֶען ווִי אַזַא שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה צֶעפַאלְט דוּרךְ מַחֲלֹקֶת; אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אַזוֹי שֵׁיין אַלֶע יָארְן, אוּן יֶעצְט וֶועגְן אַ מַחֲלֹקֶת צֶעפַאלְט אַלֶעס.

אִיר זָאלְט וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אַייעֶר מַאמֶע, אוּן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין דִי פַּרְשָׁה. אוֹיךְ זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט אַייעֶר טַאטֶע, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין דִי פַּרְשָׁה.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן הַצְלָחָה, וּבִזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן בִּזְכוּת שָׁלוֹם - זָאלְט אִיר הָאבְּן זֶרַע שֶׁל קַיָימָא מִיט אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### זַיי אַ חֵלֶק פוּן כּוֹלֵל, וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג' פָּרָשַׁת קְדוֹשִׁים, כ"ט נִיסָן, י"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד
**לְכָבוֹד מַיין טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ ווִיל דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט קוּמֶען צַייטְלִיךְ אוּן כּוֹלֵל, אִיךְ וֵוייס עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער, דוּ בִּיסְט צוּגֶעוואוֹינְט צוּ הָאבְּן אַ סֵדֶר פוּן גֵיין שְׁלָאפְן שְׁפֶּעט וְכוּ'; דָאךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט הַאלְטְן דִי זְמַנִים, קוּמֶען צַייטְלִיךְ אוּן זַיין אַ חֵלֶק פוּן כּוֹלֵל, זַיין אַ חֵלֶק פוּן דִי חַבּוּרָה.

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ דִיר בֶּעטְן זָאלְסְט אַדוּרְכְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן רֹאשׁ הַכּוֹלֵל מִיט וֶועם דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען אוּן וָואס דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען; זַיי אַ חֵלֶק פוּן כּוֹלֵל, זַיי אַ חֵלֶק פוּן דִי שֵׁיינֶע חַבּוּרָה - וֶועסְטוּ זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**נֶעם דִי וָואס דַאוֶועגֶען פְּרִי, צוּ אַרְבֵּייטְן אִינֶעם מוֹסָד**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, מְנַהֵל מוֹסְדוֹת הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס וֶוערְסְטוּ דֶערְשְׁרָאקְן אַז דֶער מֶענֶעדְזְשֶער רוּפְט אִינְדֶערְפְרִי אִין שְׁטוּבּ דִי בָּאס דְרֵייוֶוערְ׳ס וַוייבּ זִי זָאל אוֹיפְוֶועקְן אִיר מַאן דֶעם בָּאס דְרֵייוֶוער? וָואס דֶען זָאל דֶער מֶענֶעדְזְשֶער טוּן אַז דֶער בָּאס דְרֵייוֶוער שְׁלָאפְט אוּן הֵייבְּט נִישְׁט אוֹיף דֶעם טֶעלֶעפָאן? זָאל מֶען לָאזְן דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל שְׁטֵיין מִיט דִי קִינְדֶער אוּן וַוארְטְן אוּן נִישְׁט גֵיין אִין חֵדֶר?! זֵייעֶר גוּט הָאט עֶר גֶעטוּן.

פוּן הַיינְט אוּן וַוייטֶער נֶעם נָאר אִינְגֶעלַייט וָואס דַאוֶוענֶען דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן, זִיבְּן אַזֵייגֶער - פַאר דִי מוֹסָד צוּ אַרְבֶּעטְן, דִי וָואס דַאוֶוענֶען שְׁפֶּעט דִי זֶענֶען נִישְׁט גֶעמַאכְט צוּ אַרְבֶּעטְן אִין חֵדֶר. וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ עֶסְן דָאס גֶעזוּנְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי? וָואס דַארְפְסְטוּ זַיין דֶער וֶועקֶער פוּן דִי מְלַמְדִים אוּן דְרֵייוֶוערְס? קוּק זִיךְ אוּם אִינְדֶערְפְרִי וֶוער עֶס שְׁטֵייט אוֹיף צַייטְלִיךְ אוּן דַאוֶוענְט דִי עֶרְשְׁטֶע מִנְיָן, זִיבֶּענֶע, אָדֶער דִי צְוֵוייטֶע מִנְיָן - אוּן נָאר דִי זָאלְן אַרְבֶּעטְן אִין דִי מוֹסָד.

שְׁטֵיי אוֹיף אַפָּאר מִינוּט פְרִיעֶר אוּן גֵיי הִתְבּוֹדְדוּת צְוִוישְׁן דִי גְרָאז, זַיי זִיךְ מִתְוַדֶה, דֶערְצֵייל אַלֶעס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ גוּטֶע מְלַמְדִים. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת דֶּרֶךְ חֵלֶק ב׳, סִימָן א): "עַל יְדֵי וִידּוּי דְבָרִים גוֹרְמִים שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מַזְמִין מְלַמְּדֵי תִּינוֹקוֹת שֶׁלּוֹמְדִים בֶּאֱמוּנָה".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן דָאס דַאוְוענֶען

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְּרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

זַיי שְׁטַארְק מִיט דַאוְוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב מִיט מִנְיָן, זַיי אוֹיף דֶעם מַקְפִּיד מֶער וִוי אוֹיף אַלֶעס, גֵיי דַאוְוענֶען יֶעדְן טָאג דִי דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן; דָאס הַאלְט דֶעם אִיד אִין מַחֲנֶה יִשְׂרָאֵל, מֶען זָאל נִישְׁט אַוֶועק פַאלְן פוּן אִידִישְׁקֵייט.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע נִסָיוֹן אוֹיף דֶעם, דִי קְלִיפָּה פוּן עוֹג מֶלֶךְ הַבָּשָׁן וַוארְפְּט אַרוֹיף אַ בַּארְג עַצְלוּת אוּן עַצְבוּת, מֶען וֶוערְט אַזוֹי פוֹיל, מֶען טְרַאכְט ׳שְׁפֶּעטֶער וֶועל אִיךְ דַאוְוענֶען׳, ׳מָארְגְן וֶועל אִיךְ דַאוְוענֶען׳, דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן נִישְׁט אָפְּשְׁטוּפְּן דָאס דַאוְוענֶען.

מַאךְ פְרֵיילִיךְ דַיין וַוייבּ, דוּ הָאסְט אַ וואוֹילֶע וַוייבּ, אַ גוּטֶע וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...